LES CAHIERS YIDDISH

# יידישע העפטן

Le mensuel culturel de langue yiddish publié à Paris




אַלעק באָרנשטיין
(פּאַריז / תל אביב)

תל-אָביב - רחוב ביאַליק
אויל-בילד. פראַגמענט

Alec BORENSTEIN
*"Tel Aviv -*
*La Rue Bialik".*
Huile sur toile (fragment)

Numéro consacré au
61ème YOM-HATZMAOUTH

נומער געווידמעט
61סטן יום-האצמאות

n° 136

MAI 2009 מאַי

supplément au Cahiers Bernard Lazare n° 302

prix : 5 euros



# אַלעק באָרענשטיין

## אַ מאָלער ליבהאָבער פון תל-אביב

ALEC BORENSTEIN, PEINTRE AMOUREUX DE TEL AVIV

**בילדער-אויסשטעלונג פון 6טן מאַי ביז דעם 6טן יוני 2009 אין פּאַריז.**

**hagalleria** - 45 rue Crozatier 75012 Paris, France 01 43 43 99 02 www.hagalleria.com

אַלעק באָרנשטיין איז אָנגעקומען קיין ישראל אין יאָר 1947. פון וואַנען? פון סאָוועט-רוסלאַנד, ווּ ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1942, אין סיקטיווקאַר. אין דער צייטונג "מעריב" דעשרייַנט, אין יאָר 1954, אַן אַרטיקל אים געווידמעט, מיט דער טיטל "דאָס וווּנדער-קינד". אין דעם מאָלעריי-אַקאַדעמיע "אבני-אינסטיטוט" אין תל-אביב, שטודירט ער מיט שטרייַכמאַן, מאָקאַדי און מאַרסעל זשאַנקאָ. דער לעצטער איז אַן אָנהענגער פון דער "דאַדאַ"-באַוועגונג. זייַן ערשטע אויסשטעלונג קומט פּאָר אין תל-אביב אין יאָר 1961. אין די יאָרן 1964-1968 שטודירט אַלעק אין פּאַריז, אין דער קונסט-אַקאַדעמיע, Beaux-Arts. אַ יאָר שפּעטער איז אים צוגעגרייט געוואָרן אַן אויסשטעלונג. אין 1981 נעמט ער אָנטייל אין דער צייַטשריפט *Cahiers Bernard Lazare* (אָנגעפירט הייַנט פונעם מחבר פון די שורות) אין אַן ספּעציעלע אויסגאַבע געווידמעט דעם עגיפּטישן פּרעזידענט סאַדאַט. אין יאָר 1988, אין די ראַמען פון 40סטן יום-העצמאות, קומט פּאָר זייַנס אַ וויכטיקע אויסשטעלונג ווי אויך דער ערשטער קאָנצערט פון זייַן זון נמרוד אין דער זאַל פון דער "Fondation Cziffra" אין סאַנליס (Senlis), נעבן פּאַריז.

אַלעק נעמט אָן אָנטייל אין צאָלרייַכע קונסט-מאַניפעסטאַציעס, צווו.וו. דער אויסשטעלונג אין פּאַריז : "L'immigration Juive en France et son intégration dans la Nation" - "די ייִדישע אימיגראַציע און איר אינטעגראַציע אין דער נאַציע". אַלעק באָרענשטיין איז אַ קולטור-מענטש וואָס באַרייַכערט מיט זייַן וויסן צאָלרייַכע קאָנפערענצן אין פּאַריז ווי אויך אין תל-אביב.

צו די 100 יאָר פון תל-אביב האָבן מיר געקליבן פאַר דער הילע פון אָט דער נומער זייַנס אַ בילד לכבוד דער אַזוי גערופענער, "ווייַסער שטאָט".

מיר ווינטשן אַלעק באָרענשטיינען אַ סך דערפאָלג אין זייַן קונסט-שאַפונג.

**ק. האַמפּעל**

"די צוזאַמענטרעף" - Alec BORENSTEIN : *La Rencontre*